בס"ד
ויצא תשפ"ד
גליון 166

# דעם רבינ'ס ליכט



אַיְיעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## אַ טְרֶעפְּל הֶעכֶער

אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה לֶערְנֶען מִיר וִויאַזוֹי יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּארְג דָארְט וואוּ עֶס גֵייט גֶעבּוֹיט וֶוערְן דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ, דָאס פְּלַאץ פוּנֶעם אֶבֶן שְׁתִיָּה. ר' נָתָן אִיז מַסְבִּיר אוֹיפְן פָּסוּק וַיִשְׁכַּב בַּמָקוֹם הַהוּא (בְּרֵאשִׁית כח) אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן אוֹיף דֶעם פְּלַאץ. דָאס אִיז מְרַמֵז אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעזֶען בְּרוּחַ קָדְשׁוֹ וִויאַזוֹי עֶס גֵייט זַיין אִין גָלוּת, אַז דֶער עִנְיָן פוּן תְּפִלָּה אוּן דַאוֶוענֶען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אוּן עֶס אִיז שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן אוּן זִיךְ בַּאנַייעֶן צוּ דַאוֶוענֶען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

וֶוער אִיז שוּלְדִיג אִין דֶעם? זָאגְט ר' נָתָן אַז נִישְׁט קֵיין אַנְדֶערֶער נָאר דֶער סַמֶךְ-מֶם אַלֵיין. עֶר פַּאדְרֵייט דִי קָאפּ מִיט אַלֶע מִינֵי דִמְיוֹנוֹת וֶוען אַ אִידִישׁ קִינְד שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶוענֶען. פוּן דֶעם גֶעשֶׁעט אַז זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אוּן כִּמְעַט רוֹב קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים זֶענֶען זִיךְ מְיַיאֵשׁ צוּ דַאוֶוענֶען בְּכַוָּונָה, אוּן דַאוֶוענֶען נָאר מִיט דִי מוֹיל, אָן כַּוָּנַת הַלֵב. וַוייל זֵיי מֵיינֶען אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן אַנְטְקֶעגְן דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אַרַיין אִין קָאפּ וִוי נָאר מֶען עֶפְנְט דֶער סִדוּר.

דֶערְפַאר אִיז יַעֲקֹב אָבִינוּ אַרַיין אִין אַ שְׁלָאף 'בַּמָקוֹם הַהוּא' דָאס מֵיינְט מֶען דִי 'הַיינְטִיגֶע גָלוּת' דִי פַארְשְׁלָאפֶענֶע דַאוֶוענֶען. הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז נָאר צוּ נוּצְן זַיין מִדָה וָואס דָאס אִיז "אֱמֶת", אַז מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען מִיט אֱמֶת. דִי עֶרְשְׁטֶע טְרֶעפֶּעלֶע אַרַיין אִיז צוּ דַאוֶוענֶען פוּן אָנְהֵייבּ סִדוּר

המשך אויף קומענדיגע זייט

אײן אַשְׁרֶיךָ
א בר מצוה אדער א חתונה?



קויפן בייגלעד





ר' בֶּן צִיּוֹן אַפְּטֶער
חלק ג'



מלך שגזר שמד



פַאמֶעלִיך צוּשְׁטַאטְלִיך, אוּן זִיךְ צוּהֶערְן צוּ דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען זָאגְט אַרוֹיס פוּן מוֹיל אַזוֹי וִוי אַ קְלֵיין קִינְד דַאוֶוענְט מִיט אַן אֱמֶת. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַז מֶען זֶעט אַ גֵר וָואס הָאט זִיךְ מְגַיֵּיר גֶעוֶוען וִוי שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ עֶר אִיז וֶוען עֶר קֶען שׁוֹין זָאגְן נָאר דִי וֶוערְטֶער אַלֵיין בִּיז בָּרוּךְ שֶׁאָמַר. אוּן דֶער רֶבִּי פִּירְט אוֹיס אַז מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְק פְרֵייעֶן אַז מֶען אִיז עַל כָּל פָּנִים זוֹכֶה צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם דַאוֶוענֶען. (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן תִּנְיָנָא קכ"א)

נָאך אַן עֵצָה שְׁרַייבְּט דֶער רֶבִּי אִין דֶער תּוֹרָה, אַז מֶען זָאל נֶעמֶען אֵיין קְלֵיין שְׁטִיקְל פוּנֶעם דַאוֶוענֶען, אוּן דָארְט אַרֵיינְלֵייגְן אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָּונָה, אוּן נָאכְדֶעם קֶען מֶען נֶעמֶען נָאךְ אַ שְׁטִיקֶעלֶע, ווַייל פוּן אָנְהֵייבּ אִיז שְׁוֶוער צוּ אוּנְזִין הָאבְּן דִי גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען, אָבֶּער אַבִּיסֶעלֶע קֶען מֶען יָא דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָּונָה.

הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז מִיט דִי עֵצָה פוּן אֱמֶת קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי טוּנְקְלְקַייט אוּן צוּמִישְׁקַייט בַּיים דַאוֶוענֶען. דֶערִיבֶּער זָאגְט דֶער פָּסוּק: וַיַּחֲלֹם וְהִנֵּה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה "סֻלָּם" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "קוֹל" דִי בְּחִינָה פוּן 'קוֹל קוֹל יַעֲקֹב' דָאס מֵיינְט אַז טְרָאץ וָואס דַיינֶע וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען לִיגְט אִין דֶער עֶרְד אִין זֵייעֶר אַ נִידֶערִיגֶע פְּלַאץ עֶס אִיז נָאךְ וַוייט פוּן אֱמֶת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אֱמֶת מֵאֶרֶץ תִּצְמָח (תְּהִלִּים פה), מִיט דֶעם אַלֶעם "וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה", גְלַייךְ וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט אֱמֶת, הֵייבְּט אָן וֶוערְן לִיכְטִיג אוּן מְ'קוּמְט אָן בִּיזְן הִימְל, דָאס הֵייסְט דִי תְּפִלָּה דֶערְגְרֵייכְט גָאר גָאר הוֹיךְ אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז אֲפִילוּ דִי מַלְאָכִים אוּן אַלֶע אוֹיבֶּערְשְׁטֶע עוֹלָמוֹת קֶענֶען אַרוֹיף גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת (ליקוטי הלכות חנוכה ו' - עי' ליקוטי מוהר"ן ט').

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז טַאקֶע הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיט אַן אֱמֶת, אוּן אָנְהֵייבְּן דַאוֶוענֶען מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט אוּן מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְן לַייטֶער הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, אוּן אֲפִילוּ אוֹיב מֶען פַאלְט חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפּ פוּנֶעם לַייטֶער זָאל מֶען זִיךְ דְרַאפֶּענֶען אוּן נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְגֵיין. אוּן אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת זָאלְן דֶערְגְרֵייכְן דֶעם שַׁעַר הַשָּׁמַיִם, אוּן מְעוֹרֵר זַיין דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה בְּקָרוֹב.

# מזל טוב

צו די חשוב'ע קינדער וואס האבן מסיים די ספרים פון רבי'ן ותלמידיו

יחיאל קרויז, ליקוטי עצות
ירוחם שמחה לייב גולשבסקי, ספר המדות
ברוך ארי אנשין, שבחי הר"ן
נחמן שמואל אנשין, ספר המדות

נתן מרדכי פירטה, שיחת הר"ן, סיפורי מעשיות, ספר המדות
משה אהרן עטינגער, שבחי הר"ן
אהרן זאב קעניג, סיפורי מעשיות

# מיין אשה'לע



## אַ חֲתוּנָה אָדֶער אַ בַּר-מִצְוָה?

אִיךְ וויל דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וֶועגְן מַיין בַּר-מִצְוָה. מִיר הָאבְּן בַּאשְׁטֶעלְט אַ זַאל וואוּ עס זָאל פָּארְקוּמֶען דִי בַּר-מִצְוָה מִיטְוָואךְ נָאךְ שִׂמְחַת תּוֹרָה, אָבֶּער לֵיידֶער וִוי בַּאוואוּסְט הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ מִלְחָמָה פַארְגַאנְגֶענֶעם שִׂמְחַת תּוֹרָה, הָאבְּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן גְלַייךְ אָפְּגֶעזָאגְט דֶעם זַאל, טְרַאכְטְנְדִיג אַז קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען צוּ דִי שִׂמְחָה.

לְמַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַ הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אַז אַ חָתָן כַּלָּה וֶועלְכֶע וואוֹינֶען אִין אַ גֶעגְנְט וואוּ דִי מְדִינָה הַטְּמֵאָה הָאט נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט אַז מֶען זָאל דָארְט פְּרַאוֶוען אַ אִידִישֶׁע חֲתוּנָה און הָאבְּן נָאךְ צוּגֶעלֵייגְט קְנָסוֹת אוֹיבּ מֶען פָאלְגְט נִישְׁט זֵייעֶרֶע אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע גֶעזֶעצְן, הָאבְּן דִי עֶלְטֶערְן פוּן דֶער חָתָן כַּלָּה אַרוּמְגֶעזוּכְט אִין אַלֶע עֶקְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוּ מֶען קֶען בַּאקוּמֶען אַ לֵיידִיגֶע זַאל פַאר אַ חֲתוּנָה, אָבֶּער אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט שִׂמְחוֹת, און וִויבַּאלְד מַיין טַאטֶע הָאט מַמָּשׁ הַארְט בֶּעפָאר גֶעהַאט אָפְּגֶעזָאגְט דֶעם זַאל הָאבְּן דִי חָתָן כַּלָּה עס גְלַייךְ גֶענוּמֶען און טַאקֶע גֶעפְּרַאוֶועט זֵייעֶר חֲתוּנָה אִין דֶעם טָאג וֶוען עס וָואלְט גֶעדַארְפְט פָּארְקוּמֶען מַיין בַּר-מִצְוָה.

בִּיזְדֶערְוֵוייל וֶוען דֶער מַצָּב הָאט זִיךְ בַּארוּאִיקְט און מַיין טַאטֶע הָאט צוּרִיקְגֶעקְלִינְגֶען דִי זַאל אַז עֶר וִויל יָא מַאכְן דִי בַּר-מִצְוָה מִיטְוָואךְ ווייל עס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען הִיפְּשׁ שְׁטִיל אִין אוּנְזֶער גֶעגְנְט, הָאבְּן דִי פַּארְוַואלְטֶער פוּנֶעם זַאל אוּנְז גֶעלָאזְט וִויסְן אַז עס גֵייט זַיין אִין דֶעם טָאג אַ חֲתוּנָה, הָאט מַיין טַאטֶע גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ אֵיין טָאג שְׁפֶּעטֶער אִיז יָא לֵיידִיג, דֶער עֶנְטְפֶער אִיז גֶעוֶוען 'יָא', אִיז טַאקֶע מַיין בַּר מִצְוָה פָּארְגֶעקוּמֶען דָאנֶערְשְׁטָאג, און אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי זְכִיָּה צוּ הֶעלְפְן דִי אִידִישֶׁע חָתָן כַּלָּה, און אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען לָאזְט זִיךְ פִירְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, כָּל מַה דְּעָבִיד רַחֲמָנָא לְטָב עָבִיד.

**הערה פון די מערכת**

מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז דִי חֲתוּנָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, טְרָאץ וָואס עס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען אִין אַ זַאל וואוּ מֶען מַאכְט דָארְט גֶעוֶוענְלִיךְ בַּר-מִצְוָה'ס און תְּנָאִים, אָבֶּער דֶער עִיקָר שִׂמְחָה אִיז גֶעוֶוען אַז עס גֵייט זִיךְ בּוֹיעֶן נָאךְ אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, און אִינְאֵיינֶעוֶועגְס הָאבְּן דִי נַייעֶ פָּארְל בַּאקוּמֶען אַ שֵׁיינֶעם חִנּוּךְ זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי בַּאשֶׁערְט - דֶער עִיקָר מִיט דִי אֱמֶת'ע שִׂמְחָה אַז זֵיי פָאלְגְן דִי תּוֹרָה און שְׁטֶעלְן אוֹיף אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, אַזוֹי אַז זֵייעֶר בְּלִיק אוֹיפְן לֶעבְּן אִיז שׁוֹין צוּ לֶעבְּן מֶער פַאר אַ תַּכְלִית.

~ ~ ~

**אַ גוּטְן,** מַיין בְּרוּדֶער אִיז אַרַיין אִין אַ גּוֹרָל און הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט גֶעווִינֶען, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל גֶעווִינֶען און עֶר הָאט טַאקֶע גֶעווִינֶען. אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַארְן רֶבִּי'נְס לִיכְט, מִיר הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה דֶערְפוּן.

# ר׳ בֶּן צִיּוֹן אַפְּטֶער ג׳



*עֶנְדְלִיךְ נָאךְ וַואלְגֶערְנִישְׁן וַוארְט ר׳ בֶּן צִיּוֹן אוֹיף דִי לֶעצְטֶע בַּאן וָואס פָּארְט קַיין רוּסְלַאנְד, עֶר בַּאגֶעגְנְט זִיךְ מִיט נָאךְ בְּרֶסְלֶבֶ׳ע חֲסִידִים וֶוען אַלֶע אַרוּם דֶערְצֵיילְן זֵייעֶרֶע מְנִיעוֹת אוֹיף דִי וֶועגְן. ר׳ בֶּן צִיּוֹן הָאט אוֹיךְ צוּ פַארְצֵיילְן פוּן זַיינֶע נְסִיעוֹת פוּן פּוֹלִין, וֶוען פְּלוּצְלוּנְג וֶוערְט עֶר בַּאפַאלְן דוּרְךְ אַ אִידִישֶׁע פָּאלִיצִיאַנְט וָואס נֶעמְט אִים אִין פָּאלִיצֵיי סְטַאנְצִיֶע. און יעצט ליינט ווייטער*

מִיט וַואקֶלְדִיגֶע טְרִיט אִיז ר׳ בֶּן צִיּוֹן נָאכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם פָּאלִיצִיאַנְט, דֶערְשְׁרָאקְן אוּן בַּאזָארְגְט, וָואס גֵייט יֶעצְט זַיין? עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּאפִּירְן... אָבֶער וִוי נָאר זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין אַרֶעסְט הוֹיז, אִיז דֶער פָּאלִיצִיאַנְט פְּלוּצְלוּנְג פְרַיינְטְלִיךְ גֶעוָוארְן צוּ אִים, זַיין שְׁטְרֶענְגְן גֶעזִיכְט הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט צוּ אַ גְרוֹיסְן שְׁמֵייכְל...

"קֶענְסְט זַיין רוּאִיג...." אִיךְ גֵיי דִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְ׳ס טוּן!... הָאט דֶער פָּאלִיצִיאַנְט גֶעזָאגְט צוּ ר׳ בֶּן צִיּוֹן – אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעהֶערְט רֶעדְן בַּיים סְטַאנְצִיֶע אוּן עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן גֶעשְׁטַארְקְט, הָאבּ אִיךְ גֶעזוּכְט אַ וֶועג צוּ רֶעדְן מִיט דִיר אוּן הֶערְן פוּן דִיר רוּאִיג.... אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ...

"אָבֶער דִי בַּאן..." אִיז ר׳ בֶּן צִיּוֹן נִישְׁט רוּאִיג גֶעוָוארְן, "דִי בַּאן פָּארְט הַיינְט אַרוֹיס..."

"זֵיי נִישְׁט בַּאזָארְגְט," הָאט אִים יֶענֶער בַּארוּאִיגְט, "דִי צַייטְן פוּן דִי בַּאנֶען קֶען אִיךְ זֵייעֶר גוּט, דִי קוּמֶענְדִיגֶע בַּאן גֵייט אַרִיבֶּער פָּארְן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם מָארְגְן צוּפְרִי.... מִיר קֶענֶען רֶעדְן אַפָּאר שָׁעָה אוּן נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ דִיר צוּפִירְן צוּ דִי בַּאן...

אוֹי אִיךְ דַאנְק דִיר בַּאשֶׁעפֶער! הָאט ר׳ בֶּן צִיּוֹן גֶעזָאגְט שְׁטִיל, אַ שְׁטֵיין אִיז אַרָאפּ פוּן זַיין הַארְץ, דִי פְּלַאן גֵייט וַוייטֶער אָן... אִיךְ גֵיי אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן...

זֵיי זֶענֶען גֶעזֶעצְן צוּזַאמֶען אוּן גֶערֶעדְט אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וֶוען צוּפְרִי פִירְט אִים דֶער פָּאלִיצִיאַנְט צוּ דִי סְטַאנְצִיֶע אַזוֹי וִוי עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט.

יֶענֶעם יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט ר׳ בֶּן צִיּוֹן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳נס צִיּוּן, נָאכְדֶעם הָאט עֶר דָארְט פַארְוַוילְט עֶטְלִיכֶע יָאר,

וֶוען ר׳ לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער אִיז גֶעפָארְן זַיין

עֶרְשְׁטֶע נְסִיעָה קַיין אוּמַאן הָאט אִים ר׳ בֶּן צִיּוֹן בַּאגְלֵייט אוֹיפְן בַּאן צוּ זַיין וֶועג.

נָאכְן זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אָנְגֶעפִילְט מִיט פוּלֶע זֶעק הִתְעוֹרְרוּת אוּן הִתְחַזְּקוּת אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעפָארְן קַיין פּוֹילְן וֶוען עֶר לֵייגְט פַאר זִיךְ אַ לֶעבְּנְ׳ס פְלִיכְט צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן רֶבִּי׳ן פַאר אַלֶע אִידְן אִין גֶעגְנְט פוּן פּוֹילְן, ר׳ בֶּן צִיּוֹן פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן גָאר בִּפְשִׁיטוּת עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן אָרֶעמֶע אַלְטֶע קְלֵיידֶער, וָואס הָאט בַּאהַאלְטְן זַיין גְרוֹיסְקַייט אִין תּוֹרָה אוּן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דְרַייעֶן צְוִוישְׁן דִי שְׁטֶעטְלֶעךְ אוּן דֶערְפְלֶעךְ, אִין יֶעדֶע פְלַאץ וואוּ עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען פְלֶעגְט עֶר זִיךְ טְרֶעפְן עֶפֶּעס אַ בֵּית מִדְרָשׁ אָדֶער אַ יְשִׁיבָה אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן וַוארֶעמֶע דִיבּוּרִים פוּן הֵיילִיגְן קְוָואל פוּנֶעם נַחַל נוֹבֵעַ, וֶוען צוּבִּיסְלֶעךְ קוּמֶען זִיךְ צוּנוֹיף בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט אַזוֹי וִוי בִּינֶען צוּ זִיסֶע הָאנִיג, אוּן שְׁלִינְגֶען אַיין מִיט דָארְשְׁט זַיינֶע וֶוערְטֶער, אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקָרֵב זַיין אַסַאךְ נְשָׁמוֹת צוּם רֶבִּי׳ן.

דִי דִיבּוּרִים פוּן ר׳ בֶּן צִיּוֹן אִיז גֶעוֶוען אַ חִידוּשׁ אֲפִילוּ בַּיי אַזֶעלְכֶע וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען מִתְנַגְּדִים... בְּעִקָּר פְלֶעגְט עֶר רֶעדְן וֶועגְן דִי נַארִישְׁקַייטְן פוּן דֶער וֶועלְט, וִוי מֶען לוֹיפְט נָאךְ דָאס גֶעלְט אוּן מֶען גִיבְּט אַוֶועק דִי טַייעֶרֶע צַייט פוּן לֶעבְּן צוּ דֶערְיָאגְן נָאךְ אַ דָאלַאר אוּן נָאךְ אַ דָאלַאר, וֶוען קֵיינְמָאל וֶוערְט מֶען נִישְׁט זַאט, שְׁטֶענְדִיג דַארְף מֶען נַייֶע זַאכְן... בִּכְלַל פְלֶעגְט עֶר זָאגְן אַז דִי גֶעלְט נֶעמְט אַרוּם דֶעם עוֹשֶׁר מִיט אַ גַאֲוָה אַזוֹי וִוי וֶוער וֵוייסְט וֶוער אִיז עֶר אַז עֶר הָאט אַבִּיסְל נַארִישֶׁע גֶעלְט... וֶוען מֶען הָאט אוֹיסְגֶעטְרָאפְן דֶער טֶעלֶעפָאן אוּן דִי טֶעקְסִי׳ס [קָארְס] פְלֶעגְט עֶר חוֹזֵק מַאכְן פוּן דֶעם אַז דָאס בִּיסְל גֶעלְט וָואס מֶען הָאט שׁוֹין קוֹים גֶעאַרְבֶּעט גֶעבְּט מֶען אַוֶועק פַאר קָארְס, טֶעלֶעפָאנֶען... דִי שֵׁיינְקַייט אִיז גֶעוֶוען אַז אֲפִילוּ גְּבִירִים אוּן נְגִידִים וָואס הָאבְּן אִים גֶעהֶערְט רֶעדְן זֶענֶען נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן פוּן אִים נָאר פַארְקֶערְט זֵיי פְלֶעגְן זִיךְ זֵייעֶר מְעוֹרֵר זַיין אוּן עֶטְלִיכֶע הָאבְּן פַאקְטִישׁ גֶעטוֹישְׁט זֵייעֶר וֶועג צוּם גוּטְן.

אִין אַ גֶעלֶעגְנְהַייט הָאט אַ יְדִיד פוּן ר׳ בֶּן צִיּוֹן אִים גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס אִיז דֶער סוֹד פוּן אֵייעֶרֶע דִיבּוּרִים וָואס אִיז אַזוֹי מְעוֹרֵר אִידְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן?״

ר׳ בֶּן צִיּוֹן הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ, אוּן דָארְט הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעוֵוויינְט אוּן אוֹיסְגֶעגָאסְן מַיין הַארְץ, אוּן דָאס הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען... לַיידֶער מִיט דִי יָארְן הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ פַארְלוֹירְן... אָבֶּער זֶעסְט דָאךְ עֶפֶּעס אִיז נָאךְ אַלְץ גֶעבְּלִיבְּן...״

ר׳ בֶּן צִיּוֹן הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן גֶעהַאט אַ קִינְד פִּנְחָס, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן עֶקְסְטֶערֶע חִידוּשׁ אַ גֶעוַואלְדִיגֶער עִלּוּי, וֶוען עֶר אִיז עֶלְטֶער גֶעוָוארְן הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אִין דֶער יְשִׁיבָה פוּן ר׳ אֶלְחָנָן וַואסֶערְמַאן אִין בְּרַאנוֹבִיץ. וֶוען דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְטְס קְרִיג הָאט אוֹיסְגֶעפְלַאצְט אִיז ר׳ בֶּן צִיּוֹן אַנְטְלָאפְן קַיין רוּסְלַאנְד מִיטְן ווילְן אָנְצוּקוּמֶען צוּם רֶבִּינְ׳ס צִיּוֹן אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט צְוִוישְׁן דִי שְׁטֶעטְלֶעךְ אַ לַאנְגֶע צַייט בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין טְשֶׁעקַאנְט, דָארְט הָאט

עֶר ווִי זַיין שְׁטֵייגֶער גֶערֶעדְט פוּן תַּכְלִית אוּן מְעוֹרֵר גֶעוֶוען דֶעם צִבּוּר צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. אַזוֹי ווִי רוּסְן הָאבְּן אוֹיפְגֶעמֶערְקְט ווִי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אָפְּן פוּן אִידִישְׁקֵייט אוּן הָאט פוּן קֵיינֶעם קֵיין מוֹרָא, הָאבְּן זֵיי אִים אַרֶעסְטִירְט אוּן עֶר אִיז גֶעזֶעסְן אִין דִי תְּפִיסוֹת בִּיז נָאךְ דִי מִלְחָמָה, (דִי שְׁוֶוערֶע צָרָה אַז מֶען הָאט אִים אַרֶעסְטִירְט אִיז בַּיים עֶנְדֶע גֶעוֶוען זַיין רֶעטוּנְג, אַזוֹי אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן) נָאכְן אַרִיבֶּער גֵיין אַלֶע פִּינְסְטֶערֶע גֵיהִנוֹם'ס אִיז עֶר קוֹים גֶעבְּלִיבְּן בַּיים לֶעבְּן, וֶוען עֶר הָאט לֵיידֶער פַארְלוֹירְן זַיין ווַייבּ אוּן זַיין זוּן פִּנְחָס וֶועלְכֶע זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען אִין טְרֶעבְּלִינְקָא אוֹיף קִדּוּשׁ הַשֵּׁם ה' יִקֹּם דָּמָם. יָארְן אַרוּם הָאט ר' בֶּן צִיּוֹן גֶעדְרוּקְט אַ סֵפֶר פוּן דִי חִדּוּשִׁים פוּן זַיין פִּנְחָס'ל אוֹיף שַׁ"ס וָואס דֶערְצֵיילְט אַבִּיסְל אִיבֶּער זַיין גְרוֹיסְקַייט.

נָאכְן קְרִיג אִיז ר' בֶּן צִיּוֹן אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין דֶער שְׁטָאט בְּנֵי בְּרַק, עֶר פְּלֶעגְט אַסַאךְ פָארְן פוּן בְּנֵי בְּרַק קֵיין צְפַת אוּן טְבֶרְיָה אַזוֹי אוֹיךְ אִיז עֶר גֶעוֶוען יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חֹדֶשׁ אִין מִירוֹן, אוֹיךְ פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ אַסַאךְ דְרֵייעֶן בַּיים "בֵּית יִשְׂרָאֵל" וָואס הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אוּן גֶעשֶׁעצְט, אַזוֹי אוֹיךְ פְּלֶעגְט עֶר זַיין הֵיימִישׁ בַּיי נָאךְ אַסַאךְ חֲסִידִישֶׁע רֶבִּי'ס אוּן אַוַודְאַי צְווִישְׁן דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ער עוֹבְדֵי הַשֵּׁם. מֶען פְּלֶעגְט זָאגְן אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז מְעוֹרֵר מִיט זַיינֶע דִיבּוּרִים פוּנֶעם תַּכְלִית וָואס דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אַזוֹי ווִי דִי גְדוֹלֵי הַמּוּסָר, אָבֶּער דַאגֶעגְן דִי מוּסָר זָאגֶערְס פְּלֶעגְן זַיין זֵייעֶר עֶרְנְסְט אוּן אַרוּם גֵיין מִיט אַ שְׁטַארְקֶע יִרְאָה אוֹיף זֵייעֶר גֶעזוּכְט אִיז דֶער גְרוֹיסֶער חִידּוּשׁ פוּן ר' בֶּן צִיּוֹן גֶעוֶוען אַז מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען לֶעבֶּעדִיג אוּן פְרֵיילֶעךְ, אוּן הָאט אוֹיךְ פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט אַלֶעמֶען אַרוּם זִיךְ...



אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל בַּאזוּכְן ר' בֶּן צִיּוֹן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קְרַאנְק, עֶר הָאט אִים גֶעוָואלְט אוֹיפְפְרִישְׁן הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אִים קָאכְן אַ וַוארֶעמֶע יוֹךְ, אָבֶער אִין יֶענֶעם טָאג אִיז דֶער אִיד גֶעוֶוען אַבִּיסְל אָנְגֶעזוֹיעֶרְט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט מִיט אַ שְׁוֶוערְן גֶעמִיט אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעקָאכְט דִי זִיפּ... וֶוען עֶס אִיז גְרֵייט גֶעוָוארְן הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ טֶעלֶער פַאר ר' בֶּן צִיּוֹן עֶר זָאל זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיפְכַאפְּן, אָבֶער ווִי נָאר ר' בֶּן צִיּוֹן הָאט אַרַיינְגֶענוּמֶען אַפָּאר לֶעפְלֶעךְ אִין מוֹיל הָאט עֶר אַוֶועקְגֶעשְׁטוּפְּט דֶעם טֶעלֶער פוּן זִיךְ אוּן גֶעזָאגְט: אוֹי מֶען קֶען דָאס נִישְׁט עֶסְן... סְ'אִיז אַ יוֹךְ פוּן עַצְבוּת...

ר' בֶּן צִיּוֹן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן מִיט דֶעם אִיד וֶועגְן שִׂמְחָה, מִיט דִי הֵיילִיגֶע וֶועגְן פוּן רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוֹיס ווִי אַזוֹי זִיךְ תָּמִיד פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט דֶעם וָואס מְ'הָאט זוֹכֶה

גֶעוֶועֶן צוּ זַיין אַ אִיד, אָדֶער מִיט דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת, בִּיז דִי בֵּיידֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעהוֹיבְּן, גֶעטַאנְצְט אוּן גֶעשְׁפְּרִינְגֶען... וֶוען דֶער אִיד אִיז שׁוֹין פְּרֵיילֶעךְ גֶעוָוארְן הָאט אִים ר׳ בֶּן צִיּוֹן גֶעזָאגְט: ״נוּ, יֶעצְט גֵיי שְׁטֶעל אַרוֹיף אַ נַייעֶ טֶעפְּל יוֹךְ... דָאס וֶועט שׁוֹין זַיין פְּרֵיילִיכֶע יוֹךְ...״.

אִין דִי לֶעצְטֶע יָארְן אִיז עֶר זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן מִיט אַ שְׁוֶועֶרֶע מַחֲלָה, אַ יָאר מִיט נַיין מָאנַאטְן פַאר זַיין פְּטִירָה הָאבְּן אִים דִי דָאקְטוֹירִים גֶעוָואלְט אַפֶּערִירְן אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט צוּגֶעפִירְט אַז דֶער חָסִיד ר׳ מָאטְל יַאגֶעלְנִיק זַ״ל אִיז דֶעמָאלְס גֶעקוּמֶען אִים בַּאזוּכְן אוּן וִוי נָאר עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז זֵיי ווִילְן אִים אַפֶּערִירְן הָאט עֶר זִיךְ שְׁטַארְק קֶעגְנְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט (וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז אִין זַיין מַצָּב קֶען עֶר נִפְטַר וֶוערְן נָאר פוּנֶעם זִיךְ לָאזְן שְׁנַיידְן חַס וְשָׁלוֹם, בִּפְרָט אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאקְטוֹירִים זֶענֶען נֶענְטֶער צוּם טוֹיט וִוי צוּם לֶעבְּן...) אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גוּטֶער שָׁלִיחַ צוּ רַאטֶעוֶוען ר׳ בֶּן צִיּוֹן זָאל לֶעבְּן נָאר אַ יָאר מִיט נַיין חֳדָשִׁים...

צְוֵויי טֶעג פַאר זַיין פְּטִירָה אִיז ר׳ מָאטְל אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קְרַאנְק אוּן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אָבֶּער וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעקוּמֶען צוּ מַאכְן אַ בִּילְד פוּן זַיין קְרֶענְק הָאט עֶר גֶעוִוינְקְן פַאר ר׳ מָאטְל עֶר זָאל קוּמֶען מִיט אִים וַוייל עֶר ווִיל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן חָלִילָה מִיט אִסוּר יִחוּד אוֹיבּ עֶר וֶועט בְּלַייבְּן אַלֵיין מִיט דִי שְׁפִּיטָאל שְׁוֶועסְטֶער...

ר׳ בֶּן צִיּוֹן חַיִּים בֶּן ר׳ יְחֶזְקֵאל זַ״ל אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן כ״א אֱלוּל תשל״ג וֶוען עֶר אִיז אַלְט גֶעוֶוען אֵיין אוּן אַכְצִיג יָאר, עֶר אִיז נִטְמָן גֶעוָוארְן אִין הַר הַזֵּיתִים ת.נ.צ.ב.ה.

צו דער אינגל וואס האט זיך אפגערעדט אז ווען ער דריקט אריין אויף די קנעפלעך פון טעלאפאן צו ענטפערן די שאלות, געשעט גארנישט און עס בלייבט ביי די שאלה.
פרוביר נוצן אן אנדערע טעלעפאן, מיר האבן נאך נישט געהערט עס זאל געשען ווען מען קלינגט אריין אין טעל-ליין אויף דער נומער פון ארץ ישראל, אין חוץ לארץ קען זיך יא מאכן אמאל אזא פראבלעם.

צו דער אינגל וואס האט געבעטן צו טוישן דעם קאוד פון כתה ד׳ צו כתה ו׳, געוועגליך טוען מיר דאס נישט, אויב אבער עס שטערט דיר זייער, קלינג נאכאמאל און לאז אויך איבער דיין קאוד און טעלעפאן נומער מיר וועלן משתדל זיין עס צו טוישן.

**הר״ר יהודה לייב פלאקסער הי״ו**
**לרגל נישואי בנו החשוב**
**החתן אברהם נ״ו למזל טוב**

**הר״ר שמעון ישראל פאזען הי״ו**
**לרגל אירוסי בנו החשוב למזל טוב**

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

# מַעֲשֶׂה ד׳ - מֶלֶךְ שֶׁגָּזַר שְׁמַד 1

אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ. הָאט עֶר גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף דֶער מְדִינָה גֵירוּשׁ בִּגְזֵירַת שְׁמַד. (דְהַיְינוּ) אַז וֶוער עֶס וִויל בְּלַייבְּן אִין דֶער מְדִינָה. מוּז עֶר זִיךְ שְׁמַדִין. אוּן אַז נִיט. זָאל מֶען אִים אַרוֹיס טְרַייבִּין פוּן דֶער מְדִינָה.

אִיז גִיוֶוען אַ טֵייל וָואס זֵיי הָאבִּין מַפְקִיר גִיוֶוען גָאר זֵייעֶר גוּטְץ מִיט זֵייעֶר עַשִׁירוּת. אוּן זֶענֶען פוּן דָארְט אַרוֹיס בְּדַלוּת כְּדֵי זֵיי זָאלִין בְּלַייבְּן בַּיי דֶער אֱמוּנָה זֵיי זָאלִין קֶענֶען זַיין יוּדִין. אוּן אַ טֵייל הָא בִּין רַחְמָנוּת גִיהַאט אוֹיף זֵייעֶר עַשִׁירוּת אוּן זֶענֶען דָארְטְן גִיבְּלִיבְּן. זֶענֶען זֵיי גִיוֶוען אֲנוּסִים בְּצִנְעָא (דְהַיְינוּ פַארְבָּארְגְן) הָאבְּן זֵיי נוֹהֵג גִיוֶוען דֶעם דַת פוּן יוּדִין. אוּן בְּפַרְהֶסְיָא (דְהַיְינוּ פַאר לַייט) הָאבִּין זֵיי נִישְׁט גִיטָארְט זִיךְ נוֹהֵג זַיין וִוי יוּדִין.

דֶער נָאךְ אִיז דֶער מֶלֶךְ גִישְׁטָארְבְּן. אִיז דֶער זוּן גִיוָוארִין מֶלֶךְ. אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין פִירִין דִי מְדִינָה זֵייעֶר שַׁארְף. אוּן הָאט אָפְּגֵינוּמֶען אַסַאךְ מְדִינוֹת. אוּן עֶר אִיז גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חָכָם. אוּן מַחְמַת עֶר הָאט זֵייעֶר שַׁארְף גִיהַאלְטִין אִין דֶער הַאנְט דִי שָׂרֵי מְלוּכָה.

הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיף אִים גִימַאכְט אַ בּוּנְט. אַז זֵיי זָאלִין אוֹיף אִים אָן פַאלִין אוּן זָאלִין אִים אוֹיס הַארְגִינֶען אִים מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער.

אוּן צְוִוישְׁן דִי שָׂרִים אִיז גִיוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי אֲנוּסִים. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. נָאךְ וָואס בִּין אִיךְ אֵיין אוֹנֵס. מַחְמַת אִיךְ הָאבּ חַס גִיהַאט אוֹיף מַיין הָאבּ. אוּן אוֹיף מַיין עַשִׁירוּת. הַיינְט אַז מֶען וֶועט דֶעם מֶלֶךְ הַארְגִינֶען, אוּן דִי מְדִינָה וֶועט בְּלַייבְּן אָן אַ מֶלֶךְ וֶועט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין לֶעבְּעדִיקֶערְהֵייט אַיינְשְׁלִינְגֶען. וָוארִין אַ מְדִינָה קָאן נִיט זַיין אָן אַ מֶלֶךְ.

דְרוּם הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. עֶר וֶועט גֵיין אוּן וֶועט אוֹיס זָאגִין דֶעם מֶלֶךְ. אוּן זֵיי זָאלִין נִיט וִויסְן. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִיזָאגְט דֶעם מֶלֶךְ. אַז מֶען הָאט זִיךְ אוֹיף אִים גִיבּוּנְטְעוֶועט כַּנַ״ל אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער מֶלֶךְ אוּן הָאט אוֹיס גִיפְּרֶיבְט אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז עֶס אִיז אֱמֶת. הָאט עֶר גִישְׁטֶעלְט שׁוֹמְרִים. דִי נַאכְט וָואס זֵיי זֶענֶען אוֹיף אִים אָן גִיפַאלִין הָאט מֶען זֵיי גִיחַאפְּט. אוּן מֶען הָאט זֵיי דַן גִיוֶוען אִיטְלִיכְן וִוי זַיין מִשְׁפָּט אִיז גִיוֶוען.

הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ אָן גִירוּפְן אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּ דֶעם שַׂר וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אֵיין אוֹנֵס. וָואס פַאר אֵיין כָּבוֹד זָאל אִיךְ דִיר גֶעבִּין דֶער פַאר וָואס דוּ הָאסְט מִיךְ מַצִיל גִיוֶוען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער. זָאל אִיךְ דִיךְ מַאכִין פַאר אֵיין שַׂר (דְהַיְינוּ פַאר אַ הַאר) דוּ בִּיסְט דוּךְ בְּלוֹיז שׂוֹין אַ שְׂרָרָה. זָאל אִיךְ דִיר גֶעבִּין גֶעלְט. דוּ הָאסְט אַלֵיין גֶעלְט. זָאג וָואס פַאר אַ כָּבוֹד דוּ ווִילְסְט. וֶועל אִיךְ עֶס דִיר בְּוַודַאי טוּן.

הָאט דֶער אוֹנֵס גִיעֶנְפֶערְט, וֶועסְטוּ מִיר אָבֶּער טָאן וָואס אִיךְ וֶועל זָאגִין. זָאגְט דֶער מֶלֶךְ. יוֹא אִיךְ וֶועל דִיר בְּוַודַאי טָאן וָואס דוּ וֶועסְט וֶועלִין.

הָאט דֶער אוֹנֵס גִיזָאגְט שְׁוֶוער מִיר בַּיי דַיין קְרוֹין אוּן בַּיי דַיין מְלוּכָה. הָאט אִים דֶער מֶלֶךְ גִישְׁווֹאוֹירִין.

הָאט זִיךְ דֶער אוֹנֵס אָנְגִירוּפְן. גָאר מַיין כָּבוֹד אִיז. אַז אִיךְ זָאל מֶעגִין זַיין אֵיין יְהוּדִי בְּפֶרְהֶסְיָא (דְהַיינוּ פַאר לַייט) אִיךְ זָאל מֶעגִין לֵייגִין טַלִית אוּן תְּפִילִין בְּפֶרְהֶסְיָא.

הָאט עֶס דֶעם מֶלֶךְ זֵייעֶר גִיאַהֶרְט מַחְמַת אִין זַיין גַאנְצֶער מְדִינָה טָאר נִיט זַיין קֵיין יְהוּדִים. נָאר עֶר הָאט אָבֶער קֵיין בְּרֵירָה נִיט גִיהַאט מַחְמַת דֶער שְׁבוּעָה. וָואס עֶר הָאט אִים גִישְׁווּאוֹירִין אַז וָואס עֶר וֶועט וֶועלִין זָאל עֶר אִים טָאן.

אִין דֶער פְּרִי אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער אוֹנֵס. אוּן הָאט גִילֵייגְט טַלִית אוּן תְּפִילִין בְּפֶרְהֶסְיָא.

דֶער נָאךְ אִיז דֶער מֶלֶךְ גִישְׁטָארְבְּן. אִיז גִיוָוארִין זַיין זוּן מֶלֶךְ. דֶער זוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ פִירִין דִי מְדִינָה מִיט גוּטְן מַחְמַת עֶר הָאט גִיזֶעהְן מִהָאט גִיוָואלְט זַיין פָאטֶער אוֹיס רַייסְן כַּנַ"ל. אוּן עֶר הָאט אַיין גִינוּמֶען אַסַאךְ מְדִינוֹת. אוּן אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער חָכָם.

דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהֵייסִין אַז מִיזָאל צוּם אוֹיף ר וּפִין אַלֶע שְׁטֶערִין זֶעהֶר. אַז זֵיי זָאלִין אִים זָאגִין. פוּן אַ וָואסֶערֶע זַאךְ קָאן זַיין זֶרַע פַארְשְׁנִיטִין וֶוערִין. כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ דֶער פַאר הִיטִין.

הָאבִּין אִים דִי שְׁטֶערִין זֶעהֶר גִיזָאגְט. אַז זַיין זֶרַע וֶועט נִיט פַאר שְׁנִיטְן וֶוערִין. נָאר עֶר זָאל זִיךְ הִיטִין פוּן אַ שׁוֹר וָשֶׂה. (דְהַיינוּ פוּן אֵיין אָקְס אוּן פוּן אֵיין לֶעמִילֶע)

הָאט מֶען דָאס פַארְשְׁרִיבְּן אִין דֶעם סֵפֶר הַזִכְרוֹנוֹת. דֶער מֶלֶךְ הָאט אָן גִיזָאגְט זַיינֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלִין אוֹיךְ אַזוֹי פִירִין דִי מְדִינָה וִוי עֶר מִיט גוּטְן. דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גִישְׁטָארְבִּין.

אִיז גִוָוארִין זַיין זוּן מֶלֶךְ. אוּן עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין פִירִין דִי מְדִינָה מִיט שַׁארְפְקֵייט אַזוֹי וִוי זַיין זֵיידֶע. אוּן הָאט אָפְּגֵינוּמֶען אַסַאךְ מְדִינוֹת.

אוּן אִיז גִיפַאלְן אוֹיף אֵיין חָכְמָה. אוּן הָאט גִיהֵייסִין אוֹיס רוּפִין. אַז עֶס זָאל זִיךְ נִיט גִיפִינֶען אִין זַיין מְדִינָה קֵיין אוֹקְס אוּן קֵיין שָׁאף. כְּדֵי זַיין זֶרַע זָאל נִיט קֶענֶען פַארְשְׁנִיטֶען וֶוערְן. אוּן הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט הַיינְט הָאט עֶר קֵיין מוֹרָא נִיט פַאר קֵיין שׁוּם זַאךְ. אוּן הָאט גִיפִירְט דִי מְדִינָה זֵייעֶר שַׁארְף. אוּן עֶר אִיז גִיוָוארִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער חָכָם.

דֶער מֶלֶךְ אִיז גִיפַאלִין אוֹיף אַחָכְמָה אַז עֶר זָאל קֶענֶען אָפְּנֶעמֶען גָאר דִי וֶועלְט אָן מִלְחָמָה. וָוארִין סֶע פַאר הַאנְדְן זִיבְּן חְלָקִים אִין דֶער וֶועלְט.

וָוארִין דִי וֶועלְט אִיז גִיטֵיילְט אוֹיף זִיבְּן חְלָקִים. אוּן סֶע פַאר הַאנְדְן שִׁבְעָה כּוֹכְבֵי לֶכֶת (דְהַיינוּ זִיבְּן שְׁטֶערִין וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרוּם דִי זִיבְּן טֶעג פוּן דֶער וָואךְ) אוּן אִיטְלֶעכֶער שְׁטֶערִין לַייכְט אַרַיין אִין אַ חֵלֶק פוּן דִי זִיבְּן חְלָקִים פוּן דֶער וֶועלְט. אוּן סֶע פַאר הַאנְדְן שִׁבְעָה מִינֵי מַתְכוֹת (דְהַיינוּ זִיבְּן אִירְלֵיי אַייזְן וַוארְג דְהַיינוּ גָאלְד אוּן זִילְבֶּער אוּן קוּפֶּער אוּן צִין וְכוּ') אוּן אִיטְלִיכֶער שְׁטֶערִין פוּן דִי זִיבְּן שְׁטֶערִין לַייכְט אַרַיין אִין אַ בְּאַזוּנְדֶער מִין אַייזְן וַוארְג.

אִיז דֶער מֶלֶךְ גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט צוּם אוֹיף גִינוּמֶען דִי אַלֶע זִיבְּן עֶרְלֵיי אַייזִין וַוארְג. אוּן הָאט גִיהֵייסְן מִיזָאל אִים בְּרֶענְגֶען אַלֶע גִילְדֶענֶע פַאטְרֶעטִין פוּן אַלֶע מְלָכִים וָואס זֵיי הֶענְגֶען אִין זֵייעֶרֶע פַּאלַאצִין. אוּן עֶר הָאט גִימַאכְט דֶער פוּן אַ מֶענְשׁ. דֶער קָאפּ אִיז גִיוֶוען פוּן גָאלְד, דֶער גוּף פוּן זִילְבֶּער. אוּן אַזוֹי דִי אִיבֶּרִיקֶע אֵבָרִים זֶענֶען גִיוֶוען פוּן אַנְדֶערֶע אַייזִין וַוארְג. סֶע גִיוֶוען אִין דֶעם מֶענְטְשְׁן אַלֶע זִיבְּן אִירְלֵיי אַייזְן וַוארְג.

אוּן עֶר הָאט דֶעם מֶענְשׁ גִישְׁטֶעלְט אוֹיף אַ הוֹיכְן בַּאַרְג. הָאבְּן אַלֶע שִׁבְעָה כּוֹכְבֵי לֶכֶת (דְהַיְינוּ אַלֶע זִיבְּן שְׁטֶערִין) אַרַיין גִילַייכְט אִין דֶעם מֶענְשְׁן. אוּן אַז אַ מֶענְשׁ הָאט גִידַארְפְט עֶפֶּעס אֵיין עֵצָה אָדֶער אַ מַשָׂא וּמַתָּן. אוּן הָאט נִיט גִיוואוּסְט אוֹיבּ עֶר זָאל יוֹא טָאן אוֹיבּ נֵיין.

פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ שְׁטֶעלִין אַ קֶעגִין דֶעם אֵבָר פוּן דֶעם אַייזִין וַוארְג וָואס סֶע קֶער צוּ דֶעם חֵלֶק פוּן דֶער וֶועלְט. וָואס דֶער מֶענְשׁ אִיז פוּן דָארְט גִיוֶוען. אוּן דֶער מֶענְשׁ הָאט אִין זִין גִיהַאט אוֹיבּ עֶר זָאל טָאן דִי זַאךְ וָואס עֶר הָאט בַּאַדַארְפְט אוֹיבּ נֵיין,

אוּן אַז עֶר הָאט בַּאַדַארְפְט יוֹא צוּ טָאן. פְּלֶעגְט לַייכְטְן אוּן שַׁיינֶען דָאס אֵבָר. אוּן אַז נִיט אִיז פִּינְצְטֶער גִיוָוארִין דָאס אֵבָר. (דָאס הָאט אַלְץ דֶער מֶלֶךְ גִיטָאן)

אוּן דוֹרְךְ דֶעם הָאט עֶר אָפְּגֶינוּמֶען גָאר דִי וֶועלְט. אוּן הָאט אַיין גִיזַאמִילְט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט.

נָאר דֶער מֶענְשׁ וָואס עֶר הָאט גִימַאכְט פוּן דִי זִיבְּן אִירְלֵיי אַייזְן וַוארְג. אִיז נִיט מְסוּגְל גִיוֶוען צוּ דֶער זַאךְ. נָאר בְּאוֹפָן אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל מַשְׁפִּיל גֵאִים זַיין אוּן זָאל מַגְבִּיהַ שְׁפָלִים זַיין (דְהַיְינוּ גְרוֹיסֶע לַייט זָאל עֶר אַרָאפּ וַוארְפִין פוּן זֵייעֶר גְדוּלָה אוּן קְלֵיינֶע לַייט זָאל עֶר אוֹיף הֵייבְּן)

# טרעף צען חילוקים צווישן די צוויי בילדער







דער געווינער צו קענען אנפילן דעם פישקע איז הילד החשוב
נחמן יצחק גליק נ"י פון טשעסטער, ניו יארק

שם: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די פערטע מעשה - דער מלך שגזר שמד (1)

**א. וואס האט דער מלך גוזר געווען אויף דער מדינה?**
- ☐ צו פארטרייבן אלע אידן פון דער מדינה
- ☐ צו הרג'ענען אלע אידן פון דער מדינה
- ☐ אז ווער עס וויל בלייבן אין דער מדינה מוז זיך שמד'ן

**ב. וואס האבן די אידן געטון?**
- ☐ א טייל האבן מפקיר געווען זייער גאנצער פארמעגן, און זענען ארויס פון דארטן
- ☐ א טייל זענען געבליבן און זיך געפירט ווי אידן באהאלטענערהייט
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. ווער האט אויסגעזאגט פאר דעם מלך אז מען וויל אים הרג'ענען?**
- ☐ א גוי, איינער פון די שרים
- ☐ א איד איינער פון די אנוסים
- ☐ א איד א שר איינער פון די אנוסים

**ד. וועלכע כבוד האט מען געגעבן פאר דער וואס האט אויסגעזאגט?**
- ☐ מען האט אים געמאכט פאר א שר
- ☐ מען האט אים געגעבן געלט
- ☐ אז ער זאל מעגן לייגן טלית און תפילין בפרהסיא

**ה. די שטערן זעערס האבן געזאגט פאר'ן מלך זיך צו אפהיטן פון?**
- ☐ פירן די מלכות שארף
- ☐ פון א קו און א אקס
- ☐ פון א אקס און א לעמעלע

**ו. שאלה זכות: דער מלך איז געפאלן אויף א חכמה אז?**
- ☐ אז עס זאל זיך נישט געפונען אין זיין מדינה קיין אקס און קיין שאף
- ☐ ער זאל קענען אפנעמען די וועלט אן קיין מלחמה
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. וואס האט דער מלך געהאט פון דעם וואס ער האט געמאכט די מענטש פון אייזן?**
- ☐ ער האט איינגענומען די וועלט
- ☐ ער האט איינגעזאמלט אסאך געלט
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וואס האט דער מלך געטון ?**
- ☐ משפיל געווען אלע שרים
- ☐ געמאכט פשוטע מענטשן פאר שרים
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

### טיפער געטראכט



**וויפיל קעניגן זענען דא אין אונזער מעשה פון דער וואך?**
**און ווער פון זיי האט געפירט די לאנד מיט גוטן?**

**תשובות אויף די פריערדיגע וואך** (חיגר 6)
**וואו זעט מען אין די מעשה אז אפילו גוים זענען מכיר אין די גרויסקייט פון אידישע תפלות?**
**און דער מלך האט גוזר געווען אויף די אידן זיי זאלן מתפלל זיין,**
**אין וועלכע מעשה נאך זעט מען דאס? אין מעשה ה' בן המלך מאבנים טובות.**

## דער געווינער אויף 'דער חיגר' 6 איז הילד החשוב מנחם ישראל ראטענבערג, ירושלים
## דער געווינער אויף טיפער געטראכט איז הילד נותי גוטליב, ירושלים

די מתנה קען מען נעמען ביים משגיח ת"ת ברסלב יו"ם ר' משה געפנער הי"ו

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס תלמיד

אֵיינְמָאל אִיז ר' נָתָן גֶעזֶעצְן מִיט נָאךְ חֲסִידִים, תַּלְמִידִים פוּנֶעם בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ'ער רָב, בַּיי אַ סְעוּדַת מְלַוֶּוה מַלְכָּה, דִי חֲסִידִים הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ גוֹרָל וֶוער פוּן זֵיי זָאל גֵיין אַיינְקוֹיפְן בֵּייגְלֶעך פַאר דִי מְלַוֶּוה מַלְכָּה, דֶער גוֹרָל אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז ר' נָתָן דַארְף גֵיין, אִיז עֶר טַאקֶע גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן.

אִינְמִיטְן וֶועג הָאט אִים בַּאטְרָאפְן אַ בִּיטֶערְנִישׁ, פוּן זַיינֶע עֲלִיּוֹת אוּן יְרִידוֹת וָואס הָאט זִיךְ גֶעקָאכְט אִין אִים אוֹיךְ נָאךְ וָואס עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם וֶועג פוּן חֲסִידִית, אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה: 'וֶועגְן דֶעם בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, צוּ גֵיין קוֹיפְן בֵּייגְלֶעךְ?'.

[עֶס הָאט דַאן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ אַיינְצוּשְׁטִילְן דֶער אוֹר פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף ר' נָתָן עֲלִיּוֹת מִיט יְרִידוֹת אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט קַיין עֵצָה גֶעבְּן, עֶר הָאט זֵייעֶר מְקַנֵּא גֶעוֶוען וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אִין נֶעמִירוֹב עֶלְטֶערֶע אִידְן וָואס זָאגְן שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם מִיט אַן אֱמֶת פְרַייטָאג צוּ נַאכְט.]

ר' נָתָן אִיז אַרַיין אִין אַ עֶזְרַת נָשִׁים פוּן בֵּית מִדְרָשׁ אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תְּהִלִּים בִּיז קַאפִּיטְל נוּ"ן, בַּיי יֶעדְן פָּסוּק הָאט עֶר זִיךְ גֶעוָוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד פוּן גְרוֹיס צַעַר, בִּיז עֶר אִיז מִיד גֶעוָוארְן אוּן גֶעפַאלְן צוּ דֶער עֶרְד אִין אַ שְׁלָאף.

וְיִשַׁן, וַיַּחֲלוֹם. עֶר זֶעט אִין חָלוֹם אַ לַייטֶער שְׁטֵייט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן דֶער שְׁפִּיץ דֶערְגְרַייכְט בִּיז צוּם הִימְל, עֶר הֵייבְּט אָן אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְן לַייטֶער אוּן פַאלְט, עֶר גֵייט נָאךְ אַבִּיסְל הֶעכֶער אַרוֹיף, וְוידֶער פַאלְט עֶר אַרָאפּ, אוּן אַזוֹי נָאךְ אַמָאל, יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר אִיז הֶעכֶער אַרוֹיף אִיז עֶר שְׁטֶערְקֶער גֶעפַאלְן.

וְוידֶער אִיז עֶר אַרוֹיף בִּיז דִי הֶעכְסְטֶע טְרֶעפְּלֶעךְ, אוּן... הָאט גֶעטְרַאסְקֶעט אַז מֶער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיפְגֵיין, ר' נָתָן זֶעט אִין חָלוֹם וִוי אֵיינֶער קוּמְט צוּ אִים צוּ אוּן זָאגְט אִים: "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן הַאלְט זִיךְ!".

דִי גֶעשֶׁעעֶנִישׁ אִיז גֶעשֶׁען אֵיין יָאר בֶּעפָאר ר' נָתָן אִיז נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן. שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיטְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר דֶערְקֶענְט אַז עֶר אִיז דֶער אִיד וֶועמֶען עֶר הָאט גֶעזֶען אִין חָלוֹם אוּן אִים גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן הַאלְט זִיךְ".

(כוכבי אור)

